STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05086

ZAKHELAKH

Avraham Slutski

*Permanent preservation of this book was made possible
by Judith R. Phillips
in honor of
her parents, Asher J. Margolis & Vera Stone Margolis*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

„זאכעלאך"

פון אברהם סלוצקי

דעם „טאָג־מאָרגען־זשורנאַל"ס האַרטפאָרדער „קרומער שפּיגעל" פּאָעט

אַרויסגעגעבען לכבוד

שלמה פאַליק — חי' בתיה

מיין טאַטען און מיין מאַמען ;

מיט ליבע צו זיי, זייער לשון, און אמת'ע אידישע גראַמען.

די „זאַכעלך" זיינען זיי לזכרון ;
זיי האָבען דאָך פאַרזיסט מיינע יאָרען,
איבערגעבענדיג מיר זייער טיפען געפיל,
אַז וואָס־מער וויסען דאַרף זיין יעדענס ציל ;
איבערהויפּט אמת אידיש וויסען,
וואָס נאָר ס'קאָן אידיש לעבען פאַרזיסען.
אידיש לעבען האָט תמיד מיין לעבען פאַרזיסט ;
אָן דעם וואָלט עס דאָך געווען זייער, זייער פאַר'מיאוס'ט.

ליבער לייענער, ליבער איד,
ווען דיר געפעלט מיינס אַ ליד,
ווען ביי דיר אַ שיין געפיל ס'רופט אַרויס —
איז מיין שמחה גאָר, גאָר גרויס.
ווען דו דערפילסט, אַז ס'איז מיין מיין,
צו מאַכען דאָס לעבען אַ ביסעלע שיין,
גיט עס מיר נשמה'דיגע רו,
און ס'פרייט מיך, וואָס דו ביזט דו...
כדי צו באַפרידיגען זיך און דיך,
דערוועק איך דאָס שענסטע אין מיין „איך" ;
אַז איך טייל זיך עפּעס מיט דיר,
איז דאָס ס'שענסטע וואָס איז אין מיר...

אין מיין געבורט-שטעטעל

אין מיין געבורט-שטעטעל באָהוסלאַוו,
איז באַשטימט קיינמאָל ניט געוועזן ערב רב.
אַלע אידען זיינען געוועזן איינגעזעסענע;
פון גאָט גאָרניט קיין פאַרגעסענע.
כאָטש איין איד מיט׳ן צווייטען ניט גערעדט האָט,
האָט יעדערער שטענדיג גערעדט מיט גאָט...
יעדערער פון זיי האָט אויף זיין אופן,
געזוכט ביי גאָט זיך איינצוקויפען...

אברהם סלוצקי

אברהם סלוצקי

ישראל

ישראל, ליב אידיש היימלאַנד, דו ביזט פול מיט חריפות,
דיין גרייטע האַנט נעמט אידען אַרויס פון גלות־תפיסות.
דיין פרייהייט און דיין דעמאָקראַטיע זיינען ניט ניי, ווי נאָר־
ווּאָס פון איי;
אונזערע עלטער־עלטער־זיידעס נאָך פאַרפלאַנצט האָבען זיי.
דיינע פיאָנערען דיך געבויט האָבען מיט מי און מיט מורא׳ס,
כדי פון אייביגער נויט זאָלען פריי זיין דיינע דורות.

מיין זונעלע׳ס חלום

זייער גערירט האָט מיך,
ווען מיין זונעלע האָט זיך
פאַר מיר אויסגערעדט,
אַז ווען אויסוואַקסען ער וועט,
זיין וועט ער גוט און מוטיג,
ווי זיין טאַטע, אַ מענש פולבלוטיג...
איז אַוודאי מיין באַגער
אַז ס׳זאָל ניט אים אָנקומען שווער
אויסצוּוואַקסען ווי ער וויל;
אָבער גאַנץ אין דער שטיל,
ווייס איך גוט ביי זיך,
אַז ס׳מעג זיך בעסערען מיין „איך״,
כדי זיין ערנסטער אידעאַל
זאָל ניט זיין קיין דורכפאַל...

מענשען

ס׳ווילט זיך די מענשען בענשען,
וויפיל ס׳וואָלט זיך נאָר קענען,
מ׳קאָן אָבער ניט די מענשען בענשען
פאַר דעם — וואָס זיי זענען.

פון האַרצען אַראָפּ

ס׳איז ניט ווייל איך בין פון זינען אַראָפּ,
האָב איך זיך אַריינגענומען אין קאָפּ
אַ „קרומער שפיגעל״-פּאָעט צו ווערען,
וואָס זאָל מיר ביינאַכט מיין שלאָף שטערען.
איך האָב דאָס ביי זיך אָפּגעמאַכט,
ווייל דאָס לעבען האָט זיך פון מיר אויסגעלאַכט...
ווילט זיך מיר צוריק אָפּלאַכען פון לעבען...
דאַנק איך דעם „טאָג״, וואָס ער האָט מיר פאַר דעם אָרט געגעבען.
איך לאַך ניט אַזוי גלאַט אין דער וועלט,
נאָר איך רעד זיך דאָס אַראָפּ פון האַרצען, וואָס קוועלט...

דער ברענענדיגער דאָרן

ס׳האָט דער פּאַסטוך משה געזען אַמאָל
אַ ברענענדיגען דאָרן אין אַ טאָל,
און אַז דער ברענענדיגער דאָרן
איז פאַרברענט ניט געוואָרען.
דער ברענענדיגער דאָרן איז דאָ אויך איצט,
און מיט פונקען שטענדיג ער בליצט...
אָבער אָט די דייטליכע וואונקען,
פון די כסדר-בליצענדיגע פונקען,
קאָן די פאַרטועגע וועלט ניט פאַרשטיין,
און זיי האָבען ביי איר ניט דעם אמת׳ן חן...
דער ברענענדיגער דאָרן, דאָס איז ישראל,
די וויזיע פון דעם פּאַסטוך משה גאָר אַמאָל...

געשיכטע און ישראל

וועלט־געשיכטע ברענגט אַלץ אַרויס,
מעג עס זיין קליין אָדער גאָר גרויס —
זי ברענגט אַרויס אין לעבען אַלעס;
סיי גרויסען רייכטום און סיי דעם דלות...
זי גייט תמיד מיט די ספערען
און קוקט זיך צו צו די זיבען שטערען —
איצט זעט זי צו ווי דער אייביגער ישראל
ווערט נאָך שענער ווי אַלעמאָל...

מיין שטעטעלע

באָהוסלאָוו! ביזט טיף ביי מיר אַ זכרון,
ביי דיר האָב איך פאַרבראַכט מיינע קינדערשע יאָרען.
האָסט פאַר מיר קיין סך ניט געהאַט,
אַפילו ניט צו עסען זאַט...
אויך בילדונג, וואָס ביי מיר איז הייליג,
האָב איך ביי דיר באַקומען אַ קליינעם חלק.
מיין טאַטען האָסטו אויך ניט באַגליקט,
און האָסט אים קיין אַמעריקע אַוועקגעשיקט...
מיין מאַמע האָט זיך ביי דיר אָנגעליטען,
ביז מיר אַלע האָבען דיך אויפ׳ן נייעם לאַנד פאַרביטען.
דאָ האָבען מיר טאַקע געטאָן עבודת פרך,
אָבער מיר זיינען דאָך אַרויף אויף אַ דרך.
געקומען זיינען מיר אויף אַ בעסערען שטאַנד
און מיר האָבען זייער ליב אונזער ניי לאַנד...
דערפאַר איז עס אַ סוד פאַר מיר אַליין,
פאַרוואָס דו האָסט ביי מיר אַזוי פיל חן...

אַ זעלבסט־פּאָרטרעט

איך רויכער ניט און טרינק ניט;
איך חוזק ניט און ווינק ניט;
אין פרעמדע טאַצען קלאַפּ איך ניט;
אין פרעמדע וואָגענס טאַפּ איך ניט;
קיין בייגעל אין מאַרק כאַפּ איך ניט;
קיין מענשענ'ס בלוט פאַרצאַפּ איך ניט;
איך מאַך ניט קיין אומזיסטע חניפה;
איך ליאַרעם ניט אויף קיין אסיפה;
איך בין ניט קיין מענש אַ פּוסטער
און ניט אַ איד אַ ניט־באַוואוסטער.
אָבער איך בין אַ ביסעלע אַ לינקער
און דערצו נאָך — אַ קאַווע־טרינקער...

##ביידע וועלטען

באַהאַנדעל אין אַ פּראָסטען אינדערוואָכען,
דיין קינד, דיין ווייב און דיין שכן
אויף אַ שבת'דיגען אופן,
וועסטו זיך ביידע וועלטען קויפען:
וועסט זיך פילען מענשליך ביים לעבען,
און מענשליכקייט דיינע קינדער איבערגעבען.
מ'וועט דיך ביי דיין לעבען בענשען,
און צום גוט דיך דערמאָנען וועלען מענשען...

קאָפּ און האַרץ

אַ שמאָל האַרץ און אַ ליידיגער קאָפּ
פירען אַ מענשען פון דעם וועג אַראָפּ —
אַ קאָפּ מיט אינהאַלט און אַ האַרץ וואָס איז ברייט,
היטען אָפּ אַ מענשען ווו ער שטייט און גייט...

ווענען תפילות

װען אין דײַן האַרצען איז תמיד
װי אין אַ בית תפילה בײַם עמוד,
און ס׳איז שטענדיג דאָ אין דעם
אַ תפילה צום אײביגען אַרױשעם,
איז װאו נאָר דו טוסט זיך אַ ריר,
איז דער בורא דאָ מיט דיר.
ער איז אָבער פון דיר װײַט,
װען דו ביזט פון יענע לײַט . . .
בײַ װעמען ס׳האַרץ איז אַזױ,
אַז צו תפילות איז עס אינגאַנצען רױ...

דאָס געטליכע

אין יעדען מענשענ׳ס פנים
זע איך די סימנים —
פון געטליכקייט אַ פונקעלע!
מעג די הויט זיין אַ טונקעלע...
מעג ווייס זיין די הויט,
צי געל, אָדער רויט —
דער פונק איז פאַראַן! —
ביי פרוי און ביי מאַן...

די מאַמע

ווער וועט די בעטען אַזוי שיין פאַרשפרייטען?
ווער וועט דאָס עסען אַזוי גוט צוגרייטען?
ווער וועט מיט אַזאַ גרויסער פרייד וואַשען דאָס געש ר,
ווען מען וועט שוין זאָגען קדיש נאָך איר?
ווער וועט ליב האָבען איר גאַנצע בני בית,
אַזוי ווי די מאַמע, מיט אַזוי פיל חיות?...

פאַרליבט

איך האָב זעכציג יאָר שוין איבערגעהיבט
און בין אַלץ ליידענשאַפטליך פאַרליבט.
מיין שוין גאָר דערוואַקסענער זון
ווייסט זייער גוט דערפון.
און אַפילו ביי מיינע טעכטער
בין איך דערפאַר ניט קיין שלעכטער.
מיין „לינקע" ליבע איז אויך גראָד
פאַר מיין ווייב ניט קיין סוד.
זיי אַלע דאַנקען פיל דעם בורא,
וואָא סיך בין שטאַרק פאַרליבט — אין אונזער תורה...

וועגען בייטעניש פון נעמען

ס'איז ניט נאָר אַ מיאוס'ע קאָמעדיע,
נאָר באמת אַ אידישע טראַגעדיע,
וואָס אידען בייטען דאָ זייערע נעמען,
אָבער באַשולדיגען זאָל מען וועמען?
ס'איז איינע פון די אידישע קללות,
וואָס שטאַמען פון אונזער לעבען אין גלות...
אָט ביי מיין ווייניגקייט, אייער אברהמ'ען,
האָט מען אויך געביטען אַ נאָמען:
דער זון מיינער יוסף סלוצקי
האָט דעם נאָמען געגעבען אַ בוצקע,
און ער רופט זיך איצטער „דזשעראַלד סטאָל",
וואָס בלייבט שוין אויף אַלעמאָל...
איז עס צום וויינען און צום לאַכען,
נאָר, מילא, וואָס קאָן מען מאַכען...
אָבער אַז מיינע צוויי טעכטער האָבען געמאַכט אַ בייט
אויף די נעמען פון צוויי וואוילע יונגעלייט,
איז דערפילט געוואָרען אַ האַרציג געבעט,
פון אברהם סלוצקי, דעם „קרומען שפיגעל פאָעט"...

ווערטער

אַ וואָרט, וואָס איז אויבענאויפיג,
איז ווי אַ גוף אָן אַ דופק...
קיין כוח האָט עס ניט אין זיך,
און ווערט פאַרגעסען זייער גיך...
אָבער ווערטער, טיף און הויך,
האָבען אָפט אין זיך דעם כוח
צו פאַרבלייבען אויף דור־דורות
און ווערען פאַרהייליגט גלייך ווי תורות...

דער כוח פון ליבע

דאָס פוסטסטע וואָרט באַקומט אַ זין,
ווען אַ סימן פון ליבע איז דאָ דערין.
דאָס ערגסטע ליד ווען מענשען זינגען,
אויב ס׳וועט נאָר מיט ליבע קלינגען.
די רעגענסטע טעג זיינען ניט קיין טריבע,
ווען מען לעבט זיי דורך מיט אמת׳ע ליבע.
דאָס פינסטערסטע צימער לייכט אויף העל,
ווען ס׳קומט אָן ליבע אויף דער שוועל.

ווען מרדכי זיגט

ווען מיר זיינען צווישען זיך איניג,
קאָנען נאָך די מרדכי׳ס מער־ווייניג
פאַרשאַפען אָפט מפלות צו די המנ׳ס,
אָבער ווען מיר זיינען קידער־ווידער
צווישען זיך, און ניט ווי ברידער,
קאָנען די מרדכי׳ס ניט האָבען קיין רפואות
אויף צו ברייגען אונז די נויטיגע ישועות...

דער אידישער פּאָעט

דער אידישער פּאָעט מוז פון זיך אַרויסגעבען
דאָס, וואָס איז נויטיג פאַר זיין אייגען לעבען,
און וואָס איז אויך פאַר אַלע אידען נויטיג,
כדי זייער אידיש לעבען זאָל ניט זיין קויטיג...
ער מוז באַזיצען ליבשאַפט צו דער אידישער אומה
און טיפען וואונש פאַר אידישער תקומה.
ווייל כדי צו קאָנען דיכטען דאָס אידישע ליד,
מוז אַ אידישער פּאָעט זיין דורכאויס — איד!...

קליינע ווערטער

„דו האָסט יאָ!" „איך האָב ניט!" — אַזוי האָט
דאָס צוקריגען זיך אָנגעפאַנגען;
איבער ניט פריינטליכע קליינע ווערטער זיינען
זיך צוויי ליבענדיגע פריינט צוגאַנגען...
„איך האָב חרטה", — „און איך אויך" — אַזוי האָט
אויפגעהערט די קריגעריי;
אַזוי האָבען אַ פאָר קליינע ווערטע דערקוויקט
צוויי ליבענדע הערצדער אויפסניי...

סימפּאַטיע

סימפּאַטיע, אַז איך באַהאַלט
פון אַ חבר מיינעם,
ווערט ער צו מיר קאַלט,
ווייל איך האָב ניט געהיילט דעם בראָך זיינעם.
סימפּאַטיע, אַז איך שענק
אַפילו דעם, וואָס האָט מיך פיינט,
ווערט ער אויסגעהיילט פון זיין קרענק
און ער ווערט גאָר מיינער אַ פריינט.

ערגער פון ערגער

אַ ליגנער איז ביי מיר אַן ערגערער זינדער
פון אַפיו אַ געמיינעם אונטערצינדער —
ביידע זיינען אין פלוג
ניט גאָר איבעריג קלוג...
זיי ביידע ליב איך ניט.
גאָט! פון זיי מיך באַהיט!...
דאָך איז דער ליגנער ביי מיר ערגער —
ווייל אָן הענט — איז ער דאָך אַ ווערגער...

אייז און פייער

איינינגע זאָגען, אַז ס׳וועט די וועלט
אונטערגיין דורך צופיל קעלט —
אַנדערע זאָגען, אַז דורך פייער...
איז, ווי די וועלט זאָל מיר ניט זיין טייער,
און, אויב די וועלט מוז טאַקע אונטערגיין,
קאָן מען לויט דער היינטיגער פירונג פאַרשטיין,
(ווייל מענשען גיבען אַליין דעם באַווייז)
אַז אונטערגיין וועט זי דורך קעלט, ווי אייז...

עטיקעט

ווען מאַן און ווייב,
(וואָס זיינען דאָך ווי איין לייב)
זיך צעווערטלען,
צי אַפילו זיך צערטלען,
אונטער מער ווי פיר אויגען,
איז אַ סימן, אַז זיי זיינען ניט דערצויגען.

אײדעלקײט

אײדעלע געפילען זײנען דאָ בעת ס׳איז פינסטער,
דװקא אין דער נאַכט;
זײ װערען אָבער פאַרשװאונדען פון דער מינסטער
טאָג־טעגלעכער מאַכט...
די פײנקײט פון דער נאַכט
קאָן מען אין טעגליכקײט ניט געפינען;
זי װערט אינגאַנצען אָפּגעשװאַכט
מיט דעם טאָג׳ס באַגינען...
װײל גראָבקײט איז װילד,
און אײדעלקײט איז צאַרט,
זעען מיר דאָס בילד
װי אײדעלקײט װערט גענאַרט...

װען ס׳האַרץ איז פול

כאָטש איך האָב ליב שײנע קאָלירען,
װאָס קאָנען דאָס לעבען אַ ביסעל באַצירען,
באַזינג איך ניט קײן רױזען, קײן בלומען,
אין די שפּאַלטען פון דעם „שפּיעל דעם קרומען“.
ס׳איז װײל דאָס האַרץ איז מיר צו פול,
װאָס די װעלט איז אויף אַזױ פיל דול,
זיך צו פאַרנעמען מיט װילדע זאַכען,
װאָס אונז דאָס לעבען מיאוס מאַכען.
מענשען־האָס נעמט מען אָן פאַר אַ סחורה,
און מען פאַרשפּרײט דאָס, װי אַ תורה...
מען פאַרגעסט גאָר אין דער תורה פון גאָט,
מיט אירע הײליגע צען געבאָט...

די נייע אידען

ס׳נעמען איצט מיט אַמאָל
אנערקענען אונזער „ישראל״
ניט נאָר רעגירונגען,
מיט קאַפריזנע פירונגען,
נאָר אויך יענע מינים אידען,
וואָס זיינען ניט געווען צופרידען,
וואָס ציוניסטען זוכען אַ טאָלק
פאַר אַ לאַנדלאָזען פאָלק...
ס׳איז ביי זיי געווען פאַרדרייט דער קאָפּ
פונ׳ם גלות׳דיגען פליישׁ-טאָפּ...
זיינען זיי אַוועק אויף וועגען קרומע,
און זיינען נעבעך געלעגען אין טומאה...
איצט, אַז ישראל האָט שוין אַ תקומה,
גלויבען זיי שוין אויך אין זייער אומה...

כבוד און גליק

ס׳איז אַוודאי געווען אַ כבוד,
פאַר אונזער גרויסען מלך דוד,
צו זיין פון שלמה׳ן דער טאַטע,
וועמעס רייד זיינען קלוגע און גלאַטע,
און, ווידער ,רעדענדיג צוריק,
איז עס פאַר שלמה׳ן געווען אַ גליק,
דוד׳ן פאַר אַ טאַטען צו האָבען,
וואָס פלעגט זיך אין געטליכקייט גראָבען.
האָבען מיר פון דוד׳ן זיסע מזמורים,
און פון שלמה׳ן, זיינע קלוגע ספרים.
מאָראַל: אַז דער טאַטע איז אַ גרויסער פאַרשוין,
קריגט ער אָפט, אין זיין זון, זיין לוין.
דאָס מיינט, אַז זיי נאַרען זיך ניט ביידע,
און אַפילו אויך ניט — דער זיידע...

אין זכות פון ציון

אין קליוולאַנד׳ס צייטען, גאָר ניט קיין זאַטע,
איז קיין אַמעריקע געקומען מיין טאַטע...
און שפּעטער האָט ער אַריבערגעבראַכט
אַהער זיין פאַמיליע פון נפשות אַכט.
דאָס עלטסטע קינד איז נאָך ניט געווען קיין צוועלף,
און מיר אַלע זיינען געווען הונגעריג ווי וועלף...
בילדונג אונז געבען האָט דער טאַטע ניט געקענט,
ווייל בילכער פון דעם איז געווען צו באַצאָלען „רענט״...
בין איך געווען כמעט אָן אידיש וויסען,
וואָס זאָל מיין אידיש לעבען פאַרזיסען...
איז גוט, וואָס הערצל איז שוין געווען אויף דער בינע,
מיט זיין פּלאַן פון צוריקבויען די אידישע מדינה —
האָט מיך זיין אידעאַל אַזוי אין אידישען לעבען אַריינגעשלעפּט,
אַז איך האָב זיך מיט אידישען וויסען, ווי אַ הונגעריגער
אָנגעשעפּט.
איז בעת כ׳האָב געהאָלפען טראָגען הויך די אידישע פאָן,
האָב איך זיך אַליין אַ גרויסע טובה געטאָן...

וועגען טענות צו יענעם

מ׳דאַרף זיך אַליין צאַמען,
און ניט גיך אַ צווייטען פאַרדאַמען...
גיי אַריין אין יענעמס לאַגע
און שטעל זיך אַליין די פראַגע:
ווען דו וואָלסט געווען יענער,
צי וואָלסטו דען געהאַנדעלט שענער?
צי וואָלסט, אויף זיין אָרט,
געשפּילט די זעלבע קאָרט?...

וועגען אײדעלקייט

דער חומש דערציילט אונז אין אָנהויב באַלד,
אַז גאָט האָט באַשאַפען דעם מענשען אין זיין אייגענעם
געשטאַלט...
איז דאָס אַוודאי זייער ריכטיג,
אַז איידעלקייט איז גאָר וויכטיג.
איז, אַז איך זע אַ פאַרגרעבטען איד, אָדער גוי,
זעט ער ביי מיר אויס ווי אַ שטיק ליים, וואָס איז רוי...
בלייבען פאַרגרעבט איז זייער ניט שיין,
ניט פאַר יענעם און ניט פאַר זיך אַליין...

אידיש-אַמעריקאַניש

מען דאַרף ניט זינגען קיין מה יפית ליד
כדי צו זיין אַ גוטער אַמעריקאַנער איד...
מ'קאָן דאָס זיין פראַנק און פריי,
ווייל ס'איז דאָך גאָרנישט ניי,
אַז אַמעריקאַנער פרינציפען זיינען דאָך
פון אמת'ער אידישקייט דער תוך...
דערפאַר איז עס פון די נאַרישסטע זאַכען,
די אידישקייט אין אַמעריקע אָפצושוואַכען...

דאָס נייע יאָר

דאָס נייע יאָר איז אַלעמאָל ליבער
פונ'ם אַלטען, וואָס איז פאָראיבער,
ווייל, ווי גרויס ס'איז געווען דער לוין
פון דעם אַלטען, דאָס ווייסט מען שוין...
אָבער דאָס נייע יאָר, אַזוי יונג און צאַרט,
פון אים ווער מען דאָך ניט ווערען אָפגענאַרט...
איז מאַכט מען זיך פון אים אַ גרויסען צימעס,
ווייל מ'ווייסט נאָך ניט וועגען אים דעם אמת...

וואָס ס'איז גרינגער

פראָפעסאָר פרויד האָט אָנגעוויזען,
אַז ווייל יעדער „אינזיך" איז פאַרקלעמט,
באַקומען מיר אינערליכע קאַפּריזען,
וואָס אָפּען וואָלטען מיר זיך מיט זיי געשעמט.
ברענט אויף מיר שטאַרק דאָס היטעל:
אפשר איז מיין „אינזיך" גאָרניט גאַנץ?
באַנוץ איך זיך מיט אַ פאַלשען מיטעל —
איך באַפּוץ מיין איך מיט אויסערן גלאַנץ...
איך ווייס, אַז דאָס איז ניט ריכטיג;
מען דאַרף אויך פּוצען דעם „אינזיך",
ווייל מען קאָן ניט זיין אינגאַנצען ציכטיג,
אַז מען פּוצט בלויז דעם אויסערליכען „איך" —
האָב איך אָבער ניט דעם נויטיגען כוח
צו טאָן די אַרבייט אינגאַנצען;
נאָך וואָס זיך ברעכען דעם מוח,
ווען איך קאָן גרינג אויסערליך גלאַנצען...

די קלוגע וועלט

געוואָרען איז די וועלט אַ קלוגע:
קיינער מער איז ניט משוגע!
טאָמער (ס'זאָל ניט זיין די שעה)
איינער געררירט איז דוקא יאָ,
הייסט דאָס ניט מער „משוגעת",
נאָר „פּסיכיע" רופט מען די חולאת...
און, דורך פּסיכאָ־אַנאַליז,
פאַרטרייבט מען דעם חולה'ס קאַפּריז...
אַזוי אַרום פאַרמאָגט די וועלט, קיין עין הרע,
קיין איין משוגענעם, נאָר לויטער קלאָרע...

טאַטע־טאָג

ס׳קאָן קיינמאָל גאָרניט שאַטען
צו געבען אַ מתנה דעם טאַטען,
עפּעס וואָס האָט אַ ווערט און וואָג
אין דעם באַשטימטען „טאַטע־טאָג״.
אָבער איך האָב מיינעם וואָס צו געבען,
אַ יעדע רגע פון מיין לעבען!
ס׳איז דאָך אינגאַנצען גאָרניט מיינס,
נאָר ס׳איז צום מיינסטען טאַקע זיינס.
ס׳גייט ביי אונז היין און צוריק.
האָבען מיר ביידע פון דעם גליק...
ס׳איז די ליבע, וואָס ער האָט מיר געגעבען,
האָב איך דאָס פאַר אים דאָס גאַנצע לעבען...

מיט גוטען ווילען

גאָט, ווען איך ווער שלעכט באַהאַנדעלט
פון דעם, וואָס איך בין אים געטריי,
לאָז מיך ניט ווערען אין אַ כעסן פאַרוואַנדעלט;
פון אָט דעם געפיל וויל איך בלייבען פריי...
זאָל דער שלעכטער זיין אין כעס,
מיר אָבער, גאָט, גיב שטאַרקען געדולד!
מיט אַ רוח בדיבה און פריי פון האַס,
וועל איך פריי בלייבען אויך פון שולד...

היט זיך

ווען איינער ברענגט דיך אַריין אין כעס,
דורך אַן ערנסט, אָדער אַ שפּאַס,
מעג טאַקע דיין פּנים ווערען בלאַס,
אָבער היט זיך, אויב דו ביזט אַ בר דעת,
פון טראָגען אין זיך אַ צו טיפען האַס!...

וועגען אמת און ליגען

אויב צווישען מענשען דו ווילסט גלאַנצען,
זאָג דעם אמת, אָבער ניט אינגאַנצען...
דעם גאַנצען אמת, אַז דו וועסט זאָגען,
וועלען ווייניג מענשען דיך פאַרטראָגען...
טו מיט אַ ליגען אויך אַזוי:
דערבאַק אים ניט, לאָז אים רוי!...
אויב דו וועסט דעם ליגען צופיל אויסבאַקען,
וועט מען דאָך דיר גאָר גרינג פּאַקען...

דער קליינער מלאך־המות

דער מענש קריגט אַ באַגראָב
פון אַ זייער קליינעם מיקראָב,
וועמעס אויפגאַבע און באַרוף
איז אַריינצוכאַפּען זיך אין אונזער גוף
און זיך דאָרט גאַנץ גוט צעשפּרייטען,
כדי צום קבר אונז צו באַגלייטען...
חוץ דעם וואָס דער מיקראָב איז זייער קליין,
איז ער אויך זייער ניט שיין: —
די אויגען זיינען ביי אים גרין;
ער האָט אַ דראָטיגע באָרד אויף זיין קין;
די צונג ביי אים איז רויט און אָן ביין,
און אַרומגערינגעלט מיט הונדערט ציין.
זיבען ווידלען האָט ער אויך,
און אַ געפינטעלטען רונדען בויך —
און נאָך עפּעס, פאַרזיכער איך:
ער האָט אַ גאַנץ היבשען פּליך...

אַ פאַלשער חשבון

װען דו מאַכסט דעם גרויסען טעות,
חתונה צו האָבען בלויז צוליב מעות,
קריגסטו געװײנליך מחותנים ניט קיין רעכטע
און אַ װײב אַװדאי גאָר אַ שלעכטע...
זיי באַהאַנדלען דיך װי אַ שמאַטע
און דו ביזט אַ באַליידיטער מענש, מאַן און טאַטע...

מענשליכקייט

באַהאַנדעל דיין פריינט און דיין שכן,
אין אַ פראָסטען אינדערװאָכען,
אויף אַ שבת׳דיגען אופן,
װעסטו זיך ביידע װעלטען קויפען...
װעסט זיך פילען מענשליך אין לעבען
און װעסט מענשליכקייט דיינע קינדער איבערגעבען.
מען װעט דיך נאָך ביים לעבען בענשען
און צום גוטען װעלען דיך דערמאָנען מענשען...

דער קלוגער טאָג

דער טאָג פאַרשװינדט פאַרנאַכט
און דער קאַיאָר ברענגט אים צוריק.
װערט די װעלט אויפגעװאַכט
מיט גרויס פרייד און גליק...
אָבער איטליכס מאָל, װען דער טאָג קומט,
טרעפט ער אונז מענשען אַזוי פאַרדומט,
אַז ער אַנטלויפט מיט זיין גאַנצער פראַכט
צוריק צו דער פינסטערער נאַכט...

די ברכה פון וויסען

כדי ניט צו זיין צום אויסלאַכען,
און כדי צו קאָנען אויסמיידען איבלען,
דאַרף אַ מענש אין אַ סך זאַכען
זיך תמיד וועלען גריבלען...
אַפילו צו וויסען די מאָס פון עסען,
און נאָך מער, די מאָס פון טרינקען,
דאַרף מען קיינמאָל ניט פאַרגעסען,
אַז מ׳טאָר ניט אין אוומוויסענקייט זינקען...
ס׳איז כמעט ניט נויטיג צו זאָגען,
אַז ס׳איז ניט גוט פאַר׳ן מוח און פאַר׳ן מאָגען...
מיר זיינען דאָך ניט קיין פראָסטע חיות,
נאָר מיר זיינען גאָר „בצלם אלקים״!
איז וויסען אונז נויטיג ווי אונזער חיות,
כדי צו קענען דערגרייכען ביז צו אים...

מיינע און דיינע

ווען אונזערע קינדער זיינען גוט און וואויל;
צום לערנען זיך קיינמאָל ניט פויל;
און זיי האָבען אַזוינע פיינע מאַנירען,
אַז צווישען מענשען וועלען זיי זיך אַזוי אויפפירען,
אַז מ׳דאַרף גאָרניט אויף זיי קיין שמירה,
דעמאָלט זיינען די קינדער „אירע״.
האָט אָבער דאָס מיידעל, אָדער אינגעל
אַ זייער געשליפען צינגעל,
און רעדט מענשען אַקעגען —
וועט זי זיך שטאַרק אויפרעגען
און צו מיר קומען מיט אַ טענה,
אַז די קינדער זיינען אינגאַנצען מיינע...

אמת און ליגען

היינט, פון דעם ריינעם אמת,
מאַכט מען זיך גאָר אַ קליינעם צימעס...
אָבער מ׳כאַפּט זייער גיך אויף,
ווי גאָר אַ גרויסען אבן טוב
אַפילו דעם מיאוס׳טען ליגען,
מיט וואָס מ׳קאָן זיך תמיד קליגען
געגען פריינט און געגען שונאים,
זיי צו פאַרשוואַרצען דאָס פּנים.
מיט דעם כּוח פון אַ ליגען
איז גרינג זיי צו באַזיגען...

אין אונזער וועלט

ווען מען קריגט פון יענעם טובות,
וואָס וויקלען נאָך מער אין חובות,
ווערט מען ווי מיט שטריק געבונדען,
און דאָס האַרץ ווערט פול מיט וואונדען,
ווייל איידער מ׳גיט זיך אַ דערמאָן
קומט שוין דער דאַטום אָן,
ווען דיין טובות־געבער
נעמט עסען דיר די לעבער...
און פון יענער חיי שעה
קומט גאָר אַרויס אַ רעה,
סיי דעם געבער ,סיי דעם נעמער,
אין אונזער וועלט פון וועלף און לעמער...

די בעסערע אויסוואַל

זאָגט דער אַדוואָקאַט צו זיין קליענט:
וואָלט איר נאָר געהאַלטען ביי זיך די הענט
און יענעם ניט געגעבען דעם ערשטען זעץ,
וואָלט אויף אייער זייט געווען דאָס געזעץ!
מאַכט דער קליענט צו זיין אַדוואָקאַט:
ווען איך וואָלט אָבער אויסדויער געהאַט
און ניט געווען זיך אַזוי אונטערזאָגען,
נאָר זיך געלאָזט פון יענעם שלאָגען,
וואָלט איך גערעכט געווען ביי געזעץ און לייטען,
איך וואָלט אָבער געבליבען דאַן — אָן זייטען.

אַ שווערע מלאכה

ס'איז איינע פון די גאָר שענסטע זאַכען,
צו וועלען זיך אַליין אויף עפּעס רעכטס איבערמאַכען.
אָבער איבערמאַכען זיך אַליין איז אַ הויכע הלכה,
ניט גלאַט סתם אַ פּראָסטע מלאכה.
מ'מוז אַרבייטען אויף זיך טאָג איין, טאָג אויס,
ביז מ'מאַכט זיך איבער פון קליין אויף גרויס.
מ'האָט דאָך נאָר אַן איין־איינציגען „איך",
פאַרוואָס טאַקע ניט מאַכען עפּעס רעכטס פון זיך?...

ניט נאָר אין דרויסען

ווען אַ מענש טוט זיך אָן
אַזוי שיין, ווי ער קאָן,
איז דאָס שיין פאַר יענעם און אויך פאַר זיך.
נאָר שענער איז עס אַ סך,
ווען מ'פאַרשטייט די זאַך
און מ'פּוצט אויך דעם אינעווייניגסטען „איך".

„אברהמ׳על ליבער״

צווישען מיר און מיין ווייב קומט קיינמאָל צו קיין קריג,
כאָטש זי האָט איבער מיר גאַנץ אָפטליך אַ זיג.
זי ווייסט אויסגעצייכענט מיין יעדען חסרון;
זי לאָזט דאָס מיר וויסען אויף אַן אופן אַ קלאָרען,
אָבער זי האָט שכל צו באַנוצען זיך מיט „אברהמ׳עלע
ליבער״,
נעמט דאָס אַוועק מיין כעס, ס׳בלייבט קיין ברעקעל ניט איבער.
דאַרף זי מיר זאָגען אין טאַטענ׳ס טאַטע,
מאַכט זי דאָס קורץ, אָן שום דעבאַטע.
אָבער „אברהמ׳עלע ליבער״ פאַרפעלט זי ניט זאָגען,
בלייב איך אָן לשון, אום זיך צו באַקלאָגען.
צווישען מיר און מיין ווייב וועט ניט קומען צו קיין גט,
ווייל זי לאָזט ניט אויס „אברהמ׳עלע ליבער״, ווען צו מיר נאָר
זי רעדט.

אין דער נאַטור

אַלץ איז שיין אין דער נאַטור;
פון „מיאוס״ איז ניטאָ קיין שפור.
נאָר דאָס שענסטע איז פעלד און בוים,
וואָס זיינען ניט אַרומגענומען מיט אַ צוים...
זיי האָבען דאָך דעם גרעסטען חן,
ווען זיי שטייען זיך אַזוי אַליין —
ווייט פון מענשען און פון שטאָט;
אינגאַנצען אַליין, אָבער דאָך מיט גאָט...

ירושה

די קלענסטע מעלה, און דער גרעסטער חסרון
גייען קיינמאָל ניט פאַרלאָרען...
די, וואָס זיינען ביי טאַטע־מאַמע,
גייען איבער צו די קינדער מסתמא...
און פון די קידער צו די אייניקלעך,
גייען זיי איבער גאָרניט ווייניגלעך...
דערפאַר איז פאַר יעדען די בעסטע זאַך,
ניט צו זיין צופיל שוואַך,
נאָר מיט כוח אַרבייטען אויף זיך,
כדי ס׳זאָלען אין דעם אייגענעם „איך״,
די מעלות זיין וואָס שענער,
און די חסרונות — וואָס קלענער.

נאָר ניט מיין לידעל

איך בין בטבע ניט קיין כעסן,
און כ׳וועל זיך ניט איינרייסען
קיינמאָל מיט מיין אייגען ווייבעל,
וואָס איז גאָרניט קיין שטילע טייבעל...
מעג זי מיך האַלטען אין איין נעגען,
און מיין קלוגשאַפט גאָר אָפּפרעגען;
מעג זי אויסגעבען דאָס גאַנצע געלט
אויף וואָס נאָר איר אַליין געפעלט;
זי מעג מיך אַפילו געבען אַ זידעל —
אָבער, רירט זי נאָר אָן מיינס אַ לידעל —
איז פרעגט שוין ניט קיין שאלה!
דעמאָלט פאַרליר איך מיין גוטע מעלה...
איך ווער אויף איר אַזוי מלא חמה,
אַז איך ציטער אַזש — אַז ס׳איז אַן אימה!...

אייער אברהמ׳ס שרה

מיט פערציג יאָר צוריק
האָט שרה מיך געוואונען,
ווען צו מיר אַ ליבעס-בליק
האָב איך ביי איר געפונען.
די פערציג יאָר אלע
האָט זי מיך צוגעבונדען,
ווייל זי האָט די גרויסע מעלה
צו היילען מיינע וואונדען,
מיט איר שטענדיגען ליבעס-בליק,
וואָס איז געטריי צו מיר געווענדט,
איז שטאַרקער ווי גראָבע שטריק,
וואָס זי וואָלט געהאַט אין אירע הענט...

אין די הייליגע טעג

אין אונזערע הייליגע טעג
איז ביי מיר ניט קיין אָפּפרעג,
אַז אין אַ שול אַ אידישער,
ווערט די נשמה נגיד׳ישער.
די העכסטע אידעאַלען
פון אמת אידישע קוואַלען,
געפינט מען דאָך אין מחזור
פון ראש השנה און יום כפור...

יעדער אין זיין פאַך

אַ מאָלער קאָן אויסמאָלען:
זון, לבנה, בערג און טאָלען;
אַ סקולפּטאָר קאָן אויסקריצען פון שטיין,
וואָס ער וויל נאָר אַליין;
אַ דאָקטאָר קאָן מיט זיין מעדיצין
אָפּהאַלטען אַ חולה פון גיין „אַהין"...
אַ גערטנער קאָן מיט זיינע בלומען
אָנפילען די לופט מיט פאַרפיומען...
און אייער „שפּיגעל פּאָעט" קאָן מיט זיינע פּאָעמען
אַ שיין ביסעלע זיך איבערנעמען...

וואָס איך טרינק און עס

איך בין אַ גרויסער זולל וסובא,
נאָר איך טו זיך מיט דעם אַ טובה...
איך קריג טאַקע מאָס און וואָג,
דאָס איז אָבער פאַר מיר ניט קיין פּלאָג.
איך דאַרף גראָד ניט נעמען קיין מעדיצין,
כדי צו ווערען איידעל אין פולען זין.
כאָטש איך בין אַ גרויסער פרעסער
און מיין אַפּעטיט ווערט שטענדיג גרעסער,
האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפען,
אַז איך זאָל דערפאַר ניט קאָנען שלאָפען!
איר ווילט וויסען פון וואַנען אָט דער נס?
דאָס איז אונזער תורה, פון וואָס איך טרינק און עס...

דער קאַליע־מאַכער

איר קאָנט זיך זאָגען וואָס איר ווילט;
איר מעגט זיך פילען, ווי איר פילט,
אַז די וועלט איז אַ זייער שלעכטע,
און אַז דעם בורא׳ס מעשים זיינען גערעכטע.
אָבער איך זאָג מיר מיינס:
אַז ס׳איז אונזער וועלטעלע גאָר אַ פיינס,
נאָר אונזער טאַטע אין הימעל, דער ליבער,
פירט עס אָפט אַ ביסעל איבער...
ווען ער באַשאַפט ווילדע חיות אין מענשען־געשטאַלט,
קומט דאָך אויס באמת צו שרייען: „געוואַלט!"

לייד, אינמיטען פרייד

מען קאָן זיך אַליין ניט שאַפען קיין באַגריף,
פון אַזאַ סוד, וואָס ליגט אין האַרצען טיף:
דו קאָנסט זיין אַרומגערינגעלט, ווי מיט אַ ראָד,
פון טאַקע אמת׳ע גוטע־פריינד גראָד,
ביי וועמען דו ביזט זייער פיל באַליבט,
און דאָך בלייבען אינגאַנצען באַטריבט...
דוקא אין דעם „פריינטליכען געמיינזאַם",
דערפילסטו זיך גאָר עפּעס איינזאַם...
קאָן מען אָפט פון דעם דרינגען דעם מיין,
אַז צום נאָענטסטען קאָן מען זיין נאָר מיט זיך אַליין?...

די נאַטור־געזעצן

נעמסטו זיך אונטער צו פאַרלעצן
די גאָט־געגעבענע נאַטור־געזעצן,
מעגסטו תמיד פון זיי דערוואַרטען
אַ צוריק־זעץ, אַן אמת האַרטען...
ווילסטו אָבער אויסלעבען דיינע יאָרען,
לאָז ניט אַרויס פון דיין זכרון,
אַז כדי אויסצומיידען אַ סך צער'ן,
זאָלסטו די נאַטור קיינמאָל ניט נאַרען!...

אַ פשוט'ער שכל

ווען אַ מאַמע גייט אַרום איר'ע טעכטער און זינדלעך,
ווי אַ הון אַרום איר'ע הינדלעך,
איז צו זען דאָס זייער שיין
און ס'האָט דעם זיבעטען חן.
אָבער ווען זי האַלט די קינדערלעך ווי אין אַ תפיסה,
איז דאָס שוין אַ מעשה גאָר אַ מיאוס'ע,
ווייל קינדער דאַרפען זיין באַקאַנט מיט דער וועלט,
און דער אמת טאָר פון זיי ניט זיין פאַרשטעלט...

ניי־יאָר און ראש־השנה

ווען ס'קומט ניי־יאָר ווערט מען שיכור,
מיינענדיג אַז ס'איז אַן עיקר,
צו עסען, טרינקען און ווילד טאַנצען; —
אין מענשליכקייט פאַרגעסען גאָר אינגאַנצען.
ראש־השנה אָבער איז מען ניכטער;
מ'איז איבער זיך ווי אַ ריכטער;
צי טוט מען דאָס, וואָס מענשען מעגען;
צי גייט מען אויף קרומע וועגען...

נאַכטיגע רעיונות

ס׳האָט מיר אַ סך מאָל געטראָפּען,
ביינאַכט, איידער איך לייג זיך שלאָפן,
זיץ איך נעבען מיין בעט,
און פאַררויכער אַ ציגאַרעט,
און כ׳הויב־אָן צו קלערען:
וואָס וועט פון דער וועלט ווערען?
וועט טאַקע אייביג זיין מלחמה?
אָדער ס׳וועט אַמאָל קומען די נחמה;
וועלען די מענשען זיך באמת אַמאָל אָנשטרענגען
און דעם אייביגען שלום שוין טאַקע ברענגען?...

ווייב און שוויגער

אויב דיין ווייב איז געראָטען אין דיין שוויגער
און איז פון איר מאַמע ניט פיל קליגער —
זאָל דאָס דיך ניט איבעריג אַרען,
ס׳איז ניט פון די גרויסע געפאַרען...
דו ביזט דאָך קלוג, געראָטען אין דיין טאַטען,
קאָן דאָס דיך קיין סך ניט שאַדטען...
זיי נאָר ניט צו שטרענג צו איר;
זיי בעסער איר אַ קלוגער דערציער —
עלעהיי זי איז דיינס אַ קינד.
לאָז זי ניט ליידען פאַר איר מאַמעס זינד...

מ׳דאַרף זיך לערנען

אַ מענש מעג אַפילו האָבען
אַ באַנק־בוך גאָר אַ גראָבען,
בלייבט ער נעבעך אָרעם,
ווען ער גריבעלט זיך ניט אין ספרים...
דער כלל האַלט גוט פאַר׳ן קבצן און קעניג,
אַז יעדערער איז נאָר דאָס, וואָס ער איז אינעווועניג...
דאָס וואָס ער איז בלויז פון אויבען,
מאַכט אים גאָר ווינציג דערהויבען...

צוויי מינים אידען

ווען דו ביזט אַ איד אָן אַן „אוי,
פאַר דיין פאָלק וואָס ליידט אַזוי,
אין אַ וועלט וואָס איז גרוי,
ביזטו אַלס מענש זייער רוי...
ווען דו פילסט יאָ דיין פאָלקס טרויער
וואָס האָט אַ גלות־לאַנגען דויער
אין דער וועלט דער גרויער,
ביזטו דאַן אַ מענש ניט קיין רויער...

ניט געפערליך

ס׳מיינט ניט, אַז מען רייסט־אויף דעכער,
ווען מ׳זאָגט אַ וואָרט, וואָס איז העכער
ס׳איז דאָך גאָרניט אַזוי געפערליך,
ווען מען זאָגט אויפריכטיג און ערליך,
אַז: ס׳קאָנען זיין ווינציער נויטען,
און אַז ס׳קאָנען זיין אַ סך מער ברויטען,
און גענוג פאַר וועלט׳ס יעדען איינציגען קינד! —
אַזאַ וואָרט צו זאָגען איז גאָרניט קיין זינד...

ווען מענש וועט אויסוואַקסען

אַזוי ווי מענש איז נאָך אַלץ אַ קינד,
איז ער צו העכערע וועגען נאָך בלינד...
אַז מענש וועט אויסוואַקסען גרעסער
און די געטליכע וועגען אויסלערנען בעסער —
וועט אַלץ ווערען בעסער אויף דער ערד:
ס׳וועט אויפהערען הערשען קאַנאָן און שווערד.
דעם מענשענס לעבען וועט זיין ניט ביטער,
יעדערער וועט זיין דעם ברודער׳ס היטער...
טאַטעס און מאַמעס וועלען האַנדלען גערעכט,
וועלען זייערע קינדער ניט זיין שלעכט...
ס׳וועט מער ניט זיין קיין שום סיבה,
אַז חתונות זאָלען זיין גאָר אָן ליבע...
דאָס לעבען וועט זיין אַ שיינער חלום,
און די וועלט וועט האָבען אמת׳ן שלום.

גוטע קעסט

ווייל מען איז וואָס מען עסט,
און אַוודאי וואָס מען לעזט,
דאַרף מען מאַכען אַ פאַרמעסט,
צו זיין שטענדיג אויף גוטע קעסט —
כדי דאָס אָבער מעליך צו מאַכען,
דאַרף מען קלייבען נאָר גוטע זאַכען,
וואָס קאָנען געבען אַ סך כוח
סיי דעם גוף און סיי דעם מוח...
ס׳הייסט, צו מאַכען שטענדיג אַ פאַרזוך
צו קריגען אַן אמת גוטען בוך,
פונקט ווי מען קלייבט אַ שטיקעל בשר,
וואָס זאָל זיין גוט, פריש און כשר.

אַ וואָרט

אַ וואָרט, וואָס האָט וואָג און מאָס,
ס׳הייסט, וואָ סאיז געוואויגען און געמאָסטען,
וועט דיר ניט ברייגגען קיין פאַרדראָס,
און דיר קיינמאָל ניט טייער קאָסטען...
אַ וואָרט, וואָס איז געמיינט פאַר אַ פריינט
און וואָס איז דורכאויס נאָר צום גוטען,
דאַרפסטו עס זאָגען טאַקע היינט,
ניט נאָר נאָך זיינע לעצטע מינוטען...

גוטע רייד

איך האָב פאַרשפאָרט זיך אַ סך לייד
דורך צוהערען זיך צו גוטע רייד.
ווען משה׳ס רייד האָב איך פאַרנומען,
איז מיר גרינגער ס׳לעבען אָנגעקומען.
צו דוד׳ס רייד כ׳בין געווען אויפמערקזאַם,
האָט מיין לעבען באַקומען אַ גוטען טעם.
פון האַלטען שלמה׳ס רייד אין מוח
ווער איך אַ ביסעלע קליגער אויך.
די וועלט וואָלט דאָך געווען גאָר משוגע,
אָן די אמת׳ע „גוטע רייד״, די קלוגע...

שלום בית

ווען דיין פאַמיליע איז אַ זאַטע,
ביזטו ביי דיינע קינדער אַ גוטער טאַטע,
און דיין ווייב קוקט דיר שטענדיג אין מויל...
איז די פאַמיליע ביי דיר ניט קיין זאַטע,
ביזטו ביי דיין ווייב גאָר אַ שמאַטע,
און ביי דיינע קינדער אויך ניט אַזוי וואויל...

אשה רעה

„אשה רעה מר ממות,"
האָט שלמה המלך געזאָגט.
אַז ער האָט ניט געמיינט קיין קאַטאָוועס,
ווייסט דער, וואָס אַזאַ אשה פּאַרמאָגט...
דער וואָס האָט אַזאַ צאַצקע
קאָן ניט יעדען אויגענבליק
טאַנצען אַ פריילעכע קאָזאַצקע,
וואָס אים האָט געטראָפען אַזאַ גליק!...
אַן אשה רעה לעבט נאָר כדי
צו דערגיין איר מאַן די יאָרען.
איר מיין איז, ווי איך פאַרשטיי:
דעם מלאך המות אַרבעט איינצושפּאָרען...

כבוד פון קינדער

שלום עליכם האָט אַמאָל געזאָגט,
אַז ווען איינער פיל געלט פאַרמאָגט,
ווערט ער אַזוי שיכור פון זיינע קלינגער,
אַז ער מיינט, אַז ער איז אַלץ, אַפילו אַ זינגער!...
איך בין ניט קיין שלום עליכם אָדער אַ פּרץ
דאָך זע איך, אַז גרויס דרך ארץ
האָט אַ אידענע פאַר איר מאַן,
ווען געגנוג קלינגער זיינען ביי אים פאַראַן...
און אַז קינדער גיבען אָפּ כבוד אַ טאַטען,
ווען ער פאַרמאָגט אַ סך דוקאַטען...
זיי זיינען אָבער צו אים אַ ביסעל קיל,
ווען פון די ממתקים ער האָט ניט פיל...

גביר און קבצן

אַ רייכער מאַן קאָן זיך פאַרגינען
ניט צו האָבען זיין אינערליכען „איך" אינזינען;
ווייל כאָטש יעדערער קוקט אים אין מויל,
שאַדט אים ניט, ווען ער איז אינערליך הויל...
מיט אַן אָרעמאַן איז שוין גאָר פאַרקערט;
ווייל כדי צו האָבען אַן אייגענעם ווערט,
מוז ער אַרבייטען גאַנץ שווער אויף זיך,
כדי צו באַרייכערען זיין אינערליכען „איך"...

די אמת'ע פרוי

אירע פריינט דענקען,
אַז מ'דאַרף איר סימפּאַטיע שענקען,
ווייל זי איז מיט הויז־אַרבייט פאַרנומען,
און קאָן צווישען מענשען ניט קומען.
זי איז אויף לאַנגע שטונדען
צו איר צוגעבונדען...
אָבער איר אייגען געפיל
זאָגט איר גראָד אין דער שטיל,
אַז „קיין גרעסער גליק איז ניט פאַראַן,
ווי צו דינען די אייגענע קינדער און דעם מאַן..."

די וויסענשאַפט

אַ מין כישוף איז די וויסענשאַפט,
מיט איר אמת'דיגער שכל־קראַפט,
אויפצוטאָן גרויסע וואונדער
אויף אונזער גרויסער וועלט, דער רונדער...
זי קאָן פון איר מאַכען אַ גן־עדן,
אַן אָרט פון גליק און פריידען...
זי קאָן פון איר אויך אַ גיהנום מאַכען —
אַן אָרט, וואו דער טייוועל זאָל שטענדיג לאַכען...

פסח

איך בין אַ איד אַ הייסער,
כאָטש ניט קיין גרויסער ווייסער,
דאָך ווייס איך,
אַז אונזער יום טוב פסח
דערציילט אונז דעם נס פון אַלע נס'ן,
און לאָזט אונז ניט פאַרגעסן,
אַז יעדער מענש דאַרף זיין פריי,
און דווקא אָן שום תנאי...
און אויב ניט פריי איז דער גוף,
דאַרף די נשמה פילען דעם פסח רוף...

פאַרשוועכער פון הייליגקייטען

אַ סך מענשען, דעמאַגאָגען,
פון נאָענט און פון וויטען,
אַ האַלבען אמת צעטראָגען,
כדי אויף אונז צו רייטען...
זיי כאַפּען זיך אין רעליגיע אָן,
וואָס איז דאָך גאָר דאָס ריינסטע,
כדי מיט דעם אויך אָפּצוטאָן
פיל זאַכען, די געמיינסטע...
פון פרייהייט, וואָס איז אַזוי הייליג,
אַ גאָט־געשאַנק, פון אויבען,
נוצען זיי דעם גרעסטען חלק
די מענשהייט צו פאַרטויבען...

ניט קאַלירלאָז

ווייל מיטצופילען בין איך פלינק,
בין איך ווייס־בלוי און אויך „פינק" —
דאָס הייסט, אידישקייט און מענשליכקייט
האָבען ביי מיר איין באַטייט.
זיי גייען ביי מיר צוזאַמען,
ווייל זיי זיינען אין די זעלבע ראַמען.
איך בין אין אידישקייט ציוניסטיש
און אין וועלטליכקייט — סאָציאַליסטיש —
בין איך אי צו גאָט, אי צו לייט,
און פונ׳ם אמת גאָר ניט ווייט...

אַמאָל און היינט

אין דער מדבר גאָר אַמאָל,
האָט אונזער פאָלק געהאַלטען שמאָל,
ווען ס׳איז קיין וואַסער ניט געווען,
און זיי האָבען קיין אויסוועג ניט געזען —
האָט זיי משה געוויזען, אַז כדי פון לעבענס־קוואַל צו צאַפּען,
מעג מען אַפילו האַרטע שטיינער קלאַפּען...
אויך אין אונזער צייט, די אידישע חלוצים,
האַלטען זיך ניט פאַר קיין פּוסטע פּריצים —
זיי האָבען משה׳ס אידייע שטענדיג איבזינען,
אַז כדי אַן אייגענעם לעבענס־וועג צו געפינען,
דאַרף זיך פון די אידען ניט אָפּזאָגען קיינער,
אַפילו פון דער מי צו האַקען האַרטע שטיינער...

אויפ'ן אידישען וואָגען

געוואָרען איז כמעט יעדער איד אַ בעלן
זייער גיך אַריינצופאַלען
אין דעם נייעם אידישען וואָגען,
וואָס האָט זיך גענומען גאָר גוט צו טראָגען
אויף דעם אמת אידישען וועג,
און ס'קאָן שוין ניט מער זיין קיין אָפּפרעג,
אַז ס'האָט אויך ישראל אַ רעכט
ניט צו זיין ביי פרעמדע אַ קנעכט.
און דער הויפּט עיקר,
אַז קיין שום אונטערדריקער
זאָל פון אים ניט רייסען קיין שטיקער...
אָט די איצט מיטלויפענדע אידען
האָבען אַמאָל אין ישראל דעם מידען
קיין בטחון ניט געהאַט,
און האָבען אים פאַרראַטען כמעט...
נאָר איצט, אַז ער איז שוין געוואָרען אַ גיבור,
בעטען זיי זיך מיט אים איבער,
און נעמען זיך שוין נאָכיאָגען,
נאָך דעם שטאַרקען אידישען וואָגען...

גייסטיגע גאַנצקייט

ווען אַ מענש איז גייסטיג גאַנץ,
האָט ער אין זיך די מאָס טאָלעראַנץ
פאַר יעדען ערליכען אידייען טרעגער,
אַפילו ווען ער איז גאָר אַן אָפּפרעגער,
פון די אידייען גראָדע זיינע,
אַז קיינער האָט ניט קיין רעכט אויף דער טענה,
אַז די ריכטיגע אידייען זיינען נאָר מיינע,
און ניט קיינע פון דיינע,
ווייל, וואָס ביי איינעם קומט אויס קרום,
איז ביי אַ צווייטען גאָר אָן אַ מום.

אַ וועלט אַזאַ

צו זיין אַ פילאָזאָף,
איז היינט במעט אַ שטראָף.
מען האַלט דיך פאַר משוגע,
ווען דו זאָגסט ווערטער קלוגע...
ווייל די ווערטער זיינען אמת,
זיינען זיי ביי מענשען נמאס...
וואָלסטן אָבער געווען אַ מענש אַ פּלוט,
וואָלט דיר געווען גאָר גוט.
מיט ווערטער פול מיט ליגען,
וואָלסטו געקאָנט גרינג זיגען...
יאָ, ס'איז שוין אַ וועלט אַזאַ,
וואָס וועגען אמת — מו זיין שאַ!...

דערפינדער

מיין ווייב און איך זיינען שוין באַיאָרענט,
אָבער מיר האָבען זיך גוט באַוואָרענט —
מיט אַ זייער גוטער תרופה,
אַז ווען ס'וועט קומען די תקופה,
ווען מיר וועלען ווערען אַלט און מיאוס
און אַ ביסעל שוואַכלעך אויף די פיס —
זאָלען מיר קאָנען פאַר זיך אַליין
זען אונזער אַמאָליגען כח און חן —
מיר האָבען אָנגעגרייט געזונטע, שיינע קינדער —
נו, זיינען מיר ניט קיין דערפינדער?...

אַ לויב די נאַראָנים

איך דאַנק דיר, גאָט, פאַר די „נאַראָנים",
וואָס זעען שטענדיג די סימנים,
אַז די וועלט וועט האָבען אַ שיין פּנים;
זיי זעען אין זייער „נאַרישען" חלום,
אַז אויף דער וועלט וועט פאָרט זיין שלום;
אַז ס'וועט מער ניט זיין קיין מיאוס'ער געררודער,
און אַז אַ ברודער וועט ניט פאַרגעסען אַ ברודער;
אַז יעדערער וועט האָבען אין האַרצען גאָט,
און וועט היטען זיין יעדען געבאָט.
איך דאַנק זייער פיל גאָט פאַר די „נאַראָנים",
אָן זיי וואָלטען מיר געהאַט גאָר אַ מיאוס פּנים...

קאָנטראַסטען

דו זאָגסט, אַז דו ביזט אין דער וועלט „קיינער",
איך בין דוקא אויך אַזאַ איינער...
מיר זיינעןביידע אין אַ קרייז אַ שיינעם,
ווי שטילע פיש אין וואַסער ריינעם...
צו זיין אָבער אַן אימיצער,
מוז מען זיין אַ חוצפה־באַזיצער,
מיט ווייניג געוויסען און חרטה,
און ווי אַ פראָש
מאַכען אַ רעש,
אַפילו אין דער געדיכטסטער בלאָטע...